# פרשת ויצא ו' - י"ב כסלו תשפ"א לפ"ק

***יום ראשון פרשת ויצא***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ב סעיף י"א) בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די פאריגע וואך אין די פרשה, אז יצחק און רבקה האבן נישט געהאט קיין קינדער, און זיי האבן מתפלל געווען, ויעתר יצחק לה' לנוכח אשתו כי עקרה היא, ווייל זי איז געווען א עקרה, ויעתר לו ה', און דער אייבערשטער האט צוגעהערט צו זיין תפלה, ותהר רבקה אשתו (בראשית כה-כא). רש"י שטעלט זיך שוין, זיי האבן דאך ביידע מתפלל געווען, אין די גמרא (יבמות סד.) שטייט, אז ביידע האבן געדארפט א ישועה, ביידע זענען געווען עקורים, ער איז געווען א עקר, און זי איז געווען אן עקרה, פארוואס שטייט ויעתר 'לו', אז דער אייבערשטער האט צוגעהערט זיין תפלה, און נישט איר תפלה. רש"י זאגט, שאין דומה תפלת צדיק בן צדיק לתפלת צדיק בן רשע. בפשטות וויל רש"י פארענטפערן, פארוואס מען האט נאר צוגעהערט יצחק'ס תפלה, און נישט רבקה'ס, ווייל יצחק איז א צדיק בן צדיק, און רבקה איז א צדיק בן רשע, איז געווען חשוב'ער די תפלה פון יצחק, ווי די תפלה פון רבקה. רבקה איז נישט קיין 'צדיק בן' רשע, רבקה איז א 'צדיקת בת' רשע. פארוואס זאגט רש"י שאינו דומה תפלת צדיק בן צדיק לתפלת צדיק בן רשע. אויב דו ווילסט מסביר זיין, פארוואס דער באשעפער האט נישט צוגעהערט די תפלות פון רבקה, וואלסטו געדארפט זאגן אז זי איז א 'צדיקת בת' רשע, פארוואס זאגט ער צדיק בן רשע? צווייטנס, מען זעהט אז יצחק האט געדארפטווארטן צוואנציג יאר ביז זיי האבן געהאט קינדער. פארוואס האט דער אייבערשטער אויסגעמוטשעט יצחק מיט רבקה אזויפיל יארן, און זיי האבן מתפלל געווען אויף קינדער, און דער באשעפער האט זיי נישט געגעבן קיין קינדער, נאר נאך צוואנציג יאר.

**אין** די גמרא (שם) שטייט, הקב"ה מתאוה לתפלתן של צדיקים, דער אייבערשטער נעמט אסאך מאל אוועק א זאך פון א מענטש, כדי ער זאל בעטן, און נאכאמאל בעטן. דער באשעפער האט א תענוג פון די תפלות וואס מיר זענען מתפלל. נו, אסאך מאל געפונט מען אבער פארקערט, רצון יראיו יעשה ואת שועתם ישמע ויושיעם (תהלים קמה-יט), אז א מענטש וויל עפעס, א צדיק בעט עפעס, גיט דער אייבערשטער נאך וואס ער בעט.

**רש"י** (כה-ל) זאגט, אז דעם טאג וואס ויזד יעקב נזיד, איז אברהם אבינו געשטארבען. אברהם אבינו האט געדארפט לעבן הונדערט און אכציג יאר, אזוי ווי יצחק, און ער האט נאר געלעבט הונדערט פינף און זיבעציג יאר, ווייל ווען ער איז געווארן הונדערט און פינף זיבעציג יאר איז עשו אלט געווארן פופצן יאר. און עשו איז דעמאלטס ארויס לתרבות רעה, ער האט גע'הרג'עט, און עובר געווען עבירות. און דער אייבערשטער האט צוגעזאגט פאר אברהם אבינו (בראשית טו-טו) ואתה תבוא אל אבותיך בשלום, דו וועסט אוועקגיין פון די וועלט בשלום, תקבר בשיבה טובה, מען וועט דיך באגראבן בשיבה טובה. וואס פאר א שיבה טובה איז, ווען ער זעהט א אייניקל וואס איז יוצא לתרבות רעה. האט דער אייבערשטער צוגענומען פינף יארן פון אברהם, כדי ער זאל נישט צוקוקן וואס עס האט פאסירט מיט עשו.

**אויב** דער אייבערשטער גיט קינדער פאר יצחק מיט פינף יאר פריער, וואלט מען געדארפט אראפנעמען נאך פינף יאר פון אברהם. ווען ער גיט אים מיט צען יאר פריער, וואלט מען אראפגענומען פופצן יאר פון אברהם אבינו. דער אייבערשטער וויל טאקע א טובה טון פאר יצחק צו האבן קינדער, אבער נישט אויפן חשבון אז עס זאל דא געבוירען ווערן א רשע, און צונעמען די יארן פון אברהם אבינו. אברהם אבינו זאל זיך אויסלעבן די יארן, שפעטער וועט געבוירן ווערן עשו, און עס וועט זיין תקבר בשיבה טובה. האט דער אייבערשטער מונע געווען און ער האט נישט געגעבן קיין קינדער פאר יצחק ערשט צוואנציג יאר שפעטער.

**אברהם** אבינו האט געוואוסט אז עס גייט געבוירען ווערן עשו ביי יצחק. אויסער דעם וואס ער איז געווען א נביא, האט נאך דער אייבערשטער

געזאגט פאר אברהם אבינו (כא-יב), כי ביצחק יקרא לך זרע, פון יצחק וועסטו האבן קינדער, און רש"י ברענגט צו א גמרא (נדרים לא.), כי ביצחק, ולא כל יצחק. ווען איינער מאכט א נדר אז ער וועט נישט נהנה זיין פון זרע אברהם, מעג ער נהנה זיין פון עשו, ווייל עשו איז נישט קיין זרע אברהם. דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, דיין קינד יצחק וועט האבן צוויי קינדער, און איינער וועט נתייחס ווערן נאך דיר, אבער דער צווייטער וועט זיין א רשע, ער וועט נישט נתייחס ווערן פאר דיינע קינדער. - קומט דאך אויס, אז ווען יצחק איז נאך געווען קליין, האט דער אייבערשטער שוין געזאגט פאר אברהם אבינו, אז 'ביצחק' יקרא לך זרע, אז יצחק גייט האבן א קינד א רשע.

**ווען** דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו תקבר בשיבה טובה, האט דאך אברהם אבינו יעצט פארשטאנען, אז דער באשעפער וועט אים אוועקנעמען פון די וועלט בעפאר ער וועט זעהן וואס עס וואקסט אויס פון עשו, ווייל אויב נישט איז דאך נישט דא קיין תקבר בשיבה טובה. האט אברהם אבינו מתפלל געווען, אז דער אייבערשטער זאל נאך נישט געבן קיין קינדער פאר יצחק, ווייל אז דער אייבערשטער וועט געבן קינדער פאר יצחק, וועט עס דאך גיין אויף זיינע יארן, אזוי ווי צום סוף האט מען דאך צוגענומען פינף יאר פון אברהם אבינו. האט אברהם אבינו מתפלל געווען אז דער אייבערשטער זאל געבן קינדער פאר יצחק, נישט נאך די צוואנציג יאר, נאר געב די קינדער פאר יצחק נאך פינף און צוואנציג יאר, דעמאלטס ווען מיין לעבן וועט זיך ענדיגן, דעמאלטס זאל ער ארויסגיין לתרבות רעה.

**קומט** אויס אז עס איז ארויפגעקומען אין הימל צוויי תפלות. יצחק און רבקה האבן מתפלל געווען זיי ווילן האבן קינדער תיכף. און אברהם אבינו האט מתפלל געווען זיי זאלן האבן קינדער, אבער נישט יעצט, זיי זאלן הערשט האבן קינדער שפעטער. און וועמענס תפילה איז געווארן אנגענומען, יצחק'ס. יצחק האט געהאט קינדער ביי די צוואנציג יאר, און אברהם האט דאך געבעטן אז מען זאל אים נאך נישט געבן. ויעתר לו ה', דער אייבערשטער האט אנגענומען די תפלה פון יצחק. פארוואס האט דער אייבערשטער אנגענומען די תפלה פון יצחק? ווייל אינו דומה תפלת צדיק בן צדיק, יצחק דאך געווען א צדיק בן צדיק, און אברהם איז דאך געווען א צדיק בן רשע. ויעתר לו ה', האט דער אייבערשטער אנגענומען די תפלה פון יצחק, און נישט די תפלה פון אברהם.

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **שלמה** (בן הר"ר ישראל) **וויינשטאק** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שלמה באכנער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרה"ג רבי **אלימלך שפיטצער** שליט"א (מנהל רוחני דישיבה גדולה), עב"ג בת הר"ר **שלמה יעקב ווייס** שליט"א, שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **זרח רייך** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יצחק שטראססער** הי"ו, שהתקיימה באולם פרדס פיגא.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **הגה"צ רבי חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א** דומ"ץ דינוב (בן כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א, וחתן כ"ק האדמו"ר מסטריזוב שליט"א), עב"ג החתן **מרדכי דוב** ני"ו בן **הגה"צ רבי אהרן מייזליש שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד סאטמאר מאנטריאל שליט"א, חתן הגה"צ אבד"ק אלכסנדר שליט"א), שהתקיים באולם עדן פעלעס.

*

***יום שני פרשת ויצא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **כ"ק הרה"צ רבי שמואל מרדכי פארטיגאל שליט"א האדמו"ר מסקולען ירושלים** לביקור אצל **רבינו שליט"א** לפני נסיעתו לארה"ק.

***וזה תוכן השיחה:***

**האדמו"ר מסקולען ירושלים:** איך פאר יעצט וואוינען קיין ארץ ישראל. פון די שווערע זאכען איז, אז מען דארף זיך געזעגענען פונעם רב. עס איז דא אסאך

זכרונות פון דעם שטוב דא (בהכנת הכינוס הגדול **'כינוס כלל ישראל'** ועוד הרבה פעולות בעניני טעכנאלאגיע).

**רבינו:** איך בין אייך מקנא, הלוואי וואלט איך אויך געקענט פארן (לדור בארה"ק).

**האדמו"ר מסקולען ירושלים:** דער רב קומט דאך אויך קיין ארץ ישראל.

**רבינו:** דאס איז נאר אויף אזוי יוצא צו זיין.

**הר"ר לוי יצחק זילבער:** דאס לעצטע מאל וואס דער רב איז געווען, איז דער רב געווען אויף א וויזיט ביי אונז אין די מוסדות אין מירון (במוסדות חסד לאברהם).

**האדמו"ר מסקולען ירושלים:** און עס איז זיך אויך שווער צו געזעגענען פון חיים מאיר פראמאוויטש (מראשי הנהלת מוסדותינו בב"פ), ער העלפט זייער אסאך.

**רבינו:** דער אייבערשטער איז מזמין וואו מען קומט אן, מה' מצעדי גבר כוננו, עס איז אלעס אויסגערעכנט, מיט שלוחים אויף יעדע פלאץ. דער זעלבער באשעפער וואס האט דא געהאלפן, העלפט דארט אויך.

**האדמו"ר מסקולען ירושלים:** מען דארף א גרויסע סייעתא דשמיא, מען קומט אן אויף א נייעם פלאץ. כאטש אין ארץ ישראל איז קיינער נישט קיין גאסט, יעדער דארף זיך שפירן אינדערהיים.

**רבינו:** אין וועלכע געגנט?

**האדמו"ר מסקולען ירושלים:** אין עזרת תורה געגענט. כל התחלות קשות.

**רבינו:** די וועלט זאגט, די התחלות זאל נישט לאנג נעמען...

**האדמו"ר מסקולען ירושלים:** איך בין א תלמיד פון שערי יושר, דער רב געדענקט רבי שלמה פיגא פון שערי יושר, האט ער געזאגט איינמאל אנפאנג זמן, וואס הייסט כל התחלות קשות, עס איז דאך אין חסידות כתחלתו (**רוקח** בהקדמה). אנפאנג איז דאך פארקערט, בחורים אנפאנג ווען מען קומט אריין, לערנט מען פיין, און שפעטער ווערט שוואכער. האט ער געזאגט, אבער דינען דעם רבונו של עולם ווען עס קומט אן אזוי גרינג מיט א געשמאק, דאס איז קשה פארן רבונו של עולם. ווען עס גייט אריבער אביסל צייט, און מען פאנגט אן זיך צו מוטשען, דעמאלטס איז גוט.

**א' מהנוכחים:** דער רב זאל זיין געזונט האט זיך אייביג געזארגט אז עס זאל זיין דרשות פאר די מירער בחורים. א גרויס חלק פארוואס דער רב פארט קיין ארץ ישראל, איז וועגן דעם. מיט דעם טאטנס כח זאל מען קענען מחזק זיין בחורים.

**רבינו:** זיי זאלן האבן א פלאץ וואו אריינצוגיין. עס איז טאקע וויכטיג. עס איז שווער פאר די בחורים דארט.

**האדמו"ר מסקולען ירושלים:** עס איז שווער פאר די בחורים, און עס איז שווער פאר די טאטעס...

**רבינו:** די טאטעס קענען דאך נישט העלפן.

**האדמו"ר מסקולען ירושלים:** ממש אזוי. געוויסע לאזן זיך נארן.

**רבינו:** ווילאנג ער נאר'ט זיך איז גוט, ער האט נישט קיין עגמת נפש. ווען ער ווערט געוואר וואס עס איז, דעמאלטס ווערט ער א רחמנות[א].

**האדמו"ר מסקולען ירושלים:** אקעגן צוואנציג דרייסיג יאר צוריק איז בעסער, אבער עס איז דאך דא בחורים...

**רבינו:** די ישיבות אליין שטעלן שוין היינט צו געוויסע זאכן. איך האב אמאל געזאגט ביי א דרשה ברבים (דרשת ז' אדר תשע"ג לפ"ק, נדפס **בשמן ראש** לז' אדר ח"ב דף קלג), אז א בחור וואס איז געפארן לערנען אין ארץ ישראל, האט זיך פארהערט ביי מיר מסכת בבא

---

[א] כדאי להעתיק מתוך דרשת **רבינו שליט"א** ביום ז' אדר תשנ"ט לפ"ק: נעשה סדר לשלוח הבנים ללמוד תורה בארץ ישראל, והוא חורבן גדול. בודאי שאין בזה כלל, ומי שהוא מצויין בתורה ויראה והתמדה, יתכן שיהא לו תועלת. אבל לרוב הבחורים שהם בינונים וביותר לחלשים, הרי זה כמפקיר אותם לגמרי, אם הוא מסתובב בישיבה שאין בה השגחה תמידית כ"ד שעות ביום, על לימודו ועל מאכלו ומשכבו, ליל ששי, ערב שבת, וכל השבת כולו, ידעו אבותיהם שבניהם יבואו לביתם בהרבה מדריגות נמוכות ממה שהלכו מבתיהם. ואני יודע מכמה בחורים בינונים שהגיעו שמה, והתדרדרו עד שאין מתפללים כלל, ולפעמים גם אין מניחין תפלין וכו', והגיעו למקומות הגרועים ביותר.

הנסיונות כהיום עצומים הם, והוא מופקר, יוכל לילך בכל מקום שירצה ובכל שעה שהוא רוצה, ואינו צריך ליתן דין וחשבון על שום דבר, ומה יעשה הבן שלא יחטא. – הרי אפילו בזמן שהוא סמוך לבית אבותיו, גם כן צריכין כהיום סייעתא דשמיא הרבה, אם אין חשבון על צאתו וביאתו בדיוק. ומכל שכן כשהוא עומד לבדו, ומתחבר אליו לפעמים חברותא גרוע, רק בחור אחד קל שהוא פוגע, יוכל להעבירו על דעתו ועל דעת קונו. – הבן קורא לאביו ומספר איך הוא מצליח שם, וכן הוא מדבר ומספר לחביריו, ולא דובים ולא יער, הוא אומר כן כי עבדא בהפקירא ניחא ליה, ורוצה להשאר שם. – יתכן כי בחיצוניותו הוא בא כאשר הלך, אבל יבדוק אחר תפלתו והנהגתו, ויראה מהותו. הוא לועג ובוזה בלבו מה שהיה קדוש בביתו מקדם, ומקלה את אביו ורבותיו בלבו. ויש להתבונן הרבה כאשר רוצין לשלוח בן ללמוד במרחקים, איך יצליח שמה. (נדפס **בשמן ראש** לז' אדר ח"א דף קא).

בתרא, און דער משגיח פון ישיבה רופט מיך אפ נאכדעם, און ער זאגט מיר, איר האט פאראערט דעם בחור מסכת בבא בתרא?, איך וויל אייך נאר זאגען, אז איר זאלט וויסען אז ער איז א מחלל שבת. פרעג איך אים, איר האט געזאגט פארן טאטען? זאגט ער מיר, איך האב געוואלט רעדן צו אים, זאגט מיר דער פאטער, איך וויל נישט הערן וואס עס גייט פאר מיט מיין זון, איך קען מיר נישט העלפן...

**א' מהנוכחים:** דער רבי ז"ל דער **נועם אליעזר**, די ערשטע זארג וואס איז געווען ווען ער איז געקומען קיין ארץ ישראל, איז געווען מירון, פאר די אלע פארלוירענע. איך האף אז דער זיידע וועט צוהעלפן דעם רב, אז ער זאל קענען ווייטער אויפטון אין ירושלים און אין מירון.

**רבינו:** ער וועט מקרב זיין די קרובים.

**האדמו"ר מסקולען ירושלים:** היינט איז דא א וועלט וואס מען קען טון אין קירוב קרובים.

**רבינו:** פאר די רחוקים איז דא, פאר די קרובים איז נישט דא. אין אמעריקא אויך, די ישיבות מיט אלעם, עס איז נישט אזוי פשוט. מען איז מרחק אסאך יודישע נשמות. מען קען זיי נישט פאראורטיילן, די מציאות איז אבער אזוי[ב].

**האדמו"ר מסקולען ירושלים:** שלום שלום לרחוק ולקרוב (ישעיה נז-יט).

**רבינו:** לרחוק ברישא (ברכות לד:).

### וכיבדו רבינו לברך על היין

**רבינו:** לחיים טובים ולשלום, דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל פארן געזונטערהייט, און אנקומען געזונטערהייט, מען זאל קענען אויפטון להגדיל תורה ולהאדירה, און אלעס זאל גרינג אנקומען אי"ה, מתוך שמחה וטוב לבב. יפה נוף משוש כל הארץ.

---

[ב] נצטט מתוך דרשת **רבינו שליט"א** ביום ז' אדר תשע"ד לפ"ק: אנו רואים מדי שנה בשנה שמתרבים בחורים הנושרים מהישיבות, מען ווארפט זיך ארום מיט בחורים, ובחורים חלושים בכשרון אף שהם יראים ושלמים, סוגרים בפניהם הדלת, ורוחם נשברה גם כאשר כבר הם מתקבלים לאיזה ישיבה, כי לא תמיד מוצא המקום אשר שאיפתו היתה אליו. ומכל שכן כאשר לא מוצא לו מקום מתאים כלל, ומזה נתרבו אחר כך העוזבים יהדותם לגמרי, כי לפי המצב היום כאשר אין מסגרת לבחור בישיבה, אי אפשר לו לעמוד בנסיון פיתוי הזמן ומתחבר לחברותא לא טובה. ולא כמו שהיה בימים הקדמונים, שגם אם לא נכנס לישיבה ללמוד, היה נעשה סנדלר או תופר בגדים במקום יהודי, ואחר כך היה לומד קצת, ונשאר יהודי כשר ותמים.

מעולם לא היתה כזאת בישראל, שבחור ירא שמים לא יוכל ליכנס ללמוד בישיבה, בחור בן י"ד וט"ו שנה, אפרוח שלא נפתחו עדיין עיניו, נגזר כבר דינו שלא יצליח, ויש לו להסתובב בין חלושים במקום שלא יוכל להתעלות.

ואם תאמרו איך יתכן כזאת באמת, שראשי ישיבות ומנהלי ישיבות יסגרו דלתי התורה כרשעים ח"ו. לא כן הוא, אלא לפי המצב כעת אין הם אשמים, וכמה פעמים אי אפשר להם להתנהג באופן אחר. והוא משום שלפני עשרים שנה בערך נעשה שינוי בעניני הישיבה. כי מאז ומעולם היו בישיבה מעורבים כל סוגי בחורים, מצויינים בינונים וחלושים, וכמו שהוא בתלמוד תורה, וכל אחד התעלה לפי דרגתו, הבינונים נמשכו אחרי המצויינים, והחלשים נמשכו אחר הבינונים, והתעלו לפי מדריגתם. וקודם המלחמה היתה רק ישיבה אחד למצויינים, ישיבת חכמי לובלין, אבל רק לבחורים גדולים באים בשנה, מבן עשרים שנה ומעלה, שידעו בעל פה כמה מאות דפים גמרא. אבל בחורים עד שנים אלו למדו כולם יחד.

אבל זה כעשרים שנה התקבצו איזה תלמידי חכמים, והמשיכו מהתלמודי תורה הבחורים המצויינים ועשו ישיבה עבורם, והניחו הבינונים והחלושים. וישיבה של בינונים יכול להצליח מאד מאד, אבל לא עם חלושים יחד, כי הבינונים נשפעים מהם. ועבור כל בחור מצויין שיש בהכתה יכולים לקבל כנגדו ב' וג' חלושים. אבל בכתה של בינונים אם מכניסים גם חלושים אחדים, הם מורידים האיכות וההתמדה של בני הישיבה. ומאז שנתהוו סוגי ישיבות אלו, נסגרו כמעט דלתות הישיבה להחלושים, כי ישיבה לחלושים לבד קשה להצליח, כי רק קנאת סופרים תרבה חכמה. וכעת אנו רואים הפירות מזה.

ומי הוא האשם בדבר, לא רק הראשי ישיבות והמנהלים, אלא האבות עצמם, כשיש להם בחור מצויין, הם שולחים אותו מבין חבריו רק בין מצויינים. ואם שומע שיש ילד או בחור שאינו נושא חן בעיניו, הוא אומר להמנהל שכל זמן שיש בחור זה בכתה לא ישלח בנו ללמוד שם, ולכן ההנהלה בוחר לעצמו רק הטוב. ושוב כאשר יש לאותו אב בן שני שאינו מצויין, הוא מלא טענות על מה שאין מקבלים בנו בישיבה. הוא עצמו עשה לו חורבנו, הוא כרה הבור, ונופל בו בעצמו. ואם היה לו בן בישיבות הרגילות היו מקבלים שם גם בנו החלוש. – בכל אופן המצב נורא, הנהלת הישיבה אינם אשמים, והאבות צועקים, והבנים הם הקרבנות.

והנני קורא להראשי ישיבות ומנהלי הישיבות, לא תאמרו שלום עלי נפשי, אני עושה הטוב בעיני וגם בעיני ה' לתועלת הבחורים הנמצאים אצלי, ואני את נפשי הצלתי, כי יש לנו אחריות גם על שאר הבחורים, ועל בית אבותיהם הנחרבים, והאמהות בוכות בלי הרף כאשר רואים את בניהם שאין להם מקום בישיבה, והם יורדים ונופלים לאט לאט. יש לנו להתאסף כולנו יחד ולטכס עצה מה יכולים לעשות, כי לא מדברים מיחידים רק ממאות בחורים. ומצוה רבה על העסקנים לארגן מה שיכולים לעשות, כי יש בזה הצלת נפשות ממש בגשמיות וברוחניות. (נדפס **בשמן ראש** לז' אדר ח"ב דף קנח).

**האדמו"ר מסקולען ירושלים:** דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל קענען ווייטער אויפטון, און מרבה זיין תורה ויראת שמים.

**רבינו התעניין על זמן נסיעתו ודרך נסיעתו**
**ונתן לו במתנה ספר שמן ראש**

**האדמו"ר מסקולען ירושלים:** יישר כח, איך וועל קענען נהנה זיין דערפון, און מהנה זיין אנדערע יודען אויך.

**וליוהו רבינו שליט"א בדרך צאתו**
**באמרו הרי יש מצות לויה לנוסע בדרך**

*

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ועלה לבית הר"ר **אביגדור צבי ראטענבערג** הי"ו, שהשתתף ביחד עם גיסו הר"ר **בנימין יצחק פליישמאן** הי"ו, בסכום עצום לבניית בנין הישיבה גדולה ההולך ונבנה בשכונת איסט-פלעטבוש לשם ולתפארת.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אברהם שווארץ** ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל המעמד 'כתר הוראה' לאברכי הכולל בבארא פארק, שהתקיים באולם עדת טערעס, ונשא מדברותיו.

***__וזה תוכן הדברי תורה:__***

**איך** וויל ארויסברענגען מיינע געפילן וואס איך האב צו די עמלים בתורה. איך האב גערעדט מיט די יונגעלייט אין דעם ערשטן חלק יורה דעה, איך בין באמת נתפעל געווארן, זיי זענען געווען בקי אין יעדע נקודה. יעדן סעיף קטן וואס עס איז אויסגעקומען צו שמועסן, איז געווען שגור על פיהם. עס איז דא צו האפן, אז דער אייבערשטער זאל זיי געבן, זיי זאלן קענען ווייטער שטייגן אין תורה, און אויסוואקסן מורי הוראה בישראל, קענען מזכה זיין דעם כלל ישראל. אין לנו שיור רק התורה הזאת, מיר האבן היינט גארנישט, עס איז נישט געבליבן קיין בית המקדש, עס איז נישט געבליבן קיין עבודה, עס איז געבליבן נאר תורה. עס איז א געוואלדיגער זכות פאר די אלע וואס שטייגן און וואקסן אויס אין תורה, זיי זענען זיך מפקיר פאר תורה, עץ חיים היא למחזיקים בה, ותומכיה מאושר.

**פון** די פרשה קען מען זיך אסאך אראפלערנען ווי אזוי עס דארף אויסקוקן לימוד התורה. יעקב אבינו איז אוועקגעגאנגען פון פאטער'ס שטוב ווען ער איז געווען אין א מצב פון א סכנה, מען גייט אים הרג'ענען, און פון דעסטוועגן דאך האט ער זיך נישט אומגעקוקט אויף קיין שום זאך, ער האט זיך אריינגעזעצט אין בית המדרש פון עבר, און ער איז געזעסן און געלערנט פערצן יאר. וישכב במקום ההוא, די אלע יארן האט ער זיך נישט געלייגט שלאפן, אזוי איז ער געווען אריינגעטון אין תורה הק'.

**און** ער האט געהאט דעם חלום, והנה סולם מוצב ארצה, א סולם איז אויף דער ערד, וראשו מגיע השמימה, און דער שפיץ איז אין הימל, והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו, מלאכים גייען ארויף און אראפ (בראשית כח-יב). אין די גמרא (פסחים פח.) שטייט, אז דער בית המקדש האט פארשידענע נעמען. אברהם קראו הר, יצחק קראו שדה, יעקב קראו בית. אברהם קראו הר, 'בהר' ה' יראה (בראשית כב-יד), יצחק קראו שדה, ויצא יצחק לשוח 'בשדה' (שם כד-סג). יעקב האט געזאגט די וואך אין די פרשה (שם כח-יז), אין זה כי אם 'בית' אלקים וזה שער השמים. וואס איז דער חילוק פון די דריי, הר, שדה, און בית.

**אין** אנהייב בשעת מען זעצט זיך לערנען, איז דאך כל התחלות קשות (רש"י שמות יט-ה), מען קוקט אן די תורה איז ווי א בארג. מי יעלה בהר ה' ומי יקום במקום קדשו (תהלים כד-ג), ווי קען איך אנקומען, ווי אזוי וועל איך דערגרייכן אנצוקומען צו כתרה של תורה. עס איז אזוי ווייט פון א בשר ודם, עס איז אזוי ווייט פון א גשמיות'דיגן מענטש, צו קענען שטייגן אין תורה הק'. אברהם אבינו איז געווען דער ערשטער וואס האט אנגעהויבן, ער איז געווען א זקן ויושב בישיבה (יומא כח:), אלע אבות האבן געלערנט תורה. אברהם קראו הר, אין אברהם'ס צייטן האט מען אנגערופן תורה אז עס איז א 'בארג'. צוצוקומען צו תורה איז אזוי ווי מען דארף ארויפגיין אויף א בארג. יצחק קראו שדה, יצחק איז שוין געווען א דור שפעטער, תורה האט שוין אנגעהויבן צו ווערן פארשפרייט, עס איז שוין נישט געווען קיין בארג. כל התחלות קשות, די התחלה איז שווער, אבער שפעטער איז עס ווי א שדה. אין א פעלד גייט מען ארויס פון צייט צו צייט, אז מען וויל זיך צושטרייען

גייט מען ארויס אין א שדה. יעקב קראו בית, יעקב איז צוגעקומען צו א מדריגה, אז דאס איז נישט נאר א שדה, א פעלד ווי מען גייט פון צייט צו צייט ארויס שעפען לופט, נאר דאס איז זיין שטוב. די שטוב איז די חשוב'סטע זאך וואס א מענטש האט, דארט געפונט ער זיין פארגעניגען, דאס איז זיין בית, ער וואלגערט זיך נישט אויף דער גאס. יעקב קראו בית, יעקב איז צוגעקומען צו די מדריגה, ער איז געווען א איש תם יושב אהלים, אויסער די שטוב, אויסער תורה, האט אים גארנישט אינטערעסירט. ער איז נאר געזעסן און געלערנט. ער האט אנגערופן די תורה אז דאס איז מיין בית, מיין גאנצע פארגעניגען וואס איך האב, געפון איך אין די שטוב. דאס איז דער אין זה כי אם בית אלקים, אז די תורה איז ביי אים געווען די בחינה פון א בית.

*

**עס** שטייט פון **בעל שם טוב הק'** (הובא בספר **כתר שם טוב, ובערוגת הבשם** פ' ויצא), אין זה כי אם בית אלקים, וזה שער השמים. די חשיבות פון תורה איז דאך, תורה מיט יראת שמים. ראשית חכמה יראת ה' (תהלים קיא-י), די תורה וואס מען לערנט, האט א געוואלדיגן חשיבות, אבער עס מוז זיין יראתו קודמת לחכמתו, חכמתו מתקיימת (אבות ג-ט). מען זעהט אסאך תלמידי חכמים וואס עס איז נישט אויסגעוואקסן פון זיי גארנישט. זיי האבן געהאט תורה, אבער עס איז געווען נאר תורה. **כדי אז די תורה זאל קענען זיין א תורה פון ללמוד וללמד, מען זאל קענען מרביץ תורה זיין, צוקומען צו קענען איבערגעבן תורה, און וואקסן אין תורה, מוז זיין די יראת חטא וואס איז קודמת לחכמתו. ערליכקייט, יראת ה', דאווענען, און ליגן אין עבודת ה', און דערצו תורה, מתוך שחסידים הם תורתן מתברכת** (ירושלמי ברכות ה-א), **עס קומט אריין א ברכה אין די תורה.** הלומד תורה לשמה, מגלין לו רזי תורה, ווי עס איז אויסגערעכענט אין די משנה (אבות ו-א) די אלע מעלות וואס איז דא אין תורה.

**די** גמרא (שבת לא:) זאגט אויף איינעם וואס האט תורה און ער האט נישט קיין יראת שמים, חבל על דלית ליה דרתא, ותרעא לדרתא עביד. ווען א מענטש האט א הויז, מאכט ער א טויער דערפאר, אז מען זאל קענען אריינקומען. א שאד ווען איינער האט נישט קיין הויז, און ער מאכט א שער. פארוועם האסטו דעם שער, דו האסט דאך נישט קיין הויז וואו אריינצוגיין. זאגט די גמרא, תורה דאס איז נאר דער שער, אבער די עיקר דירה, דער בית פון א מענטש, איז תורה וואס איז פארבינדן מיט יראת ה'. חבל על דלית ליה דרתא, ער האט נישט קיין דירה, ער האט נישט קיין יראת שמים, ותרעא לדרתא עביד, און ער מאכט א טויער פאר די דירה, ער לערנט תורה אן יראת שמים.

**האט** דער בעל שם טוב הק' געזאגט, יעקב אבינו איז ביז יעצט געזעסן אין אהלה של תורה, און פלייסיג געלערנט אזויפיל יארן. יעצט איז ער אנגעקומען צום מקום המקדש, און ער האט זוכה געווען צו די מראות אלקים. האט ער געזעהן, אז יראת ה', שטייט העכער פון תורה. אז דער עיקר בית איז די עבודה וואס ער איז צוגעקומען, די התגלות וואס ער האט געהאט דעמאלטס, והנה ה' נצב עליו, וואס דער אייבערשטער איז געשטאנען נעבן אים. האט ער געזאגט, 'אין זה כי אם בית אלקים'. דער מקום המקדש, דאס איז דער פלאץ פון עבודת ה', דאס איז דער 'בית' אלקים. 'וזה', און וואו איך בין געווען ביז יעצט, אין בית המדרש פון עבר, דאס איז נאר דער 'שער השמים', דאס איז נאר דער שער. אז מען וויל שטייגן אין תורה, מען וויל אז די תורה זאל האבן א כח אויף שפעטער, פארלאנגט זיך דער עבודת ה' וואס איז פארבינדן צוזאמען מיט תורה.

**עס** זענען דא צענדליגער כולל יונגעלייט וואס זיצען און לערנען, און נישט יעדער וואקסט אויס. אויסוואקסן איז נאר ווען מען גיט אוועק צייט פאר עבודת ה', פאר תפלה, פאר ערליכקייט, ולעבדו בכל לבבכם ובכל נפשכם (דברים יא-יג), דינען דעם אייבערשטן מיטן גאנצן הארץ. אוועקלייגן אלע פניות אין דער זייט, אלע הבלי עולם הזה זאל נישט אינטערעסירן. מען ליגט נאר אין עבודת ה', דאס איז די תורה וואס בלייבט אויף שפעטער. דאס איז דער בית, דער הויז וואס מען בויט, דאס ווערט געבויט מיט תורה.

**די** תורה הייבט זיך אן מיט א ב', בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ (בראשית א-א). 'ראשית' איז דאך די תורה. רש"י זאגט, אז ראשית גייט ארויף אויף די תורה וואס ווערט אנגערופן ראשית (ב"ר א-א). קודם דארף זיין דער ב', דער בית, און נאכדעם קומט

דער ראשית. קודם דארף זיין דער בי"ת, דאס איז דער יראת ה' וואס ווערט אנגערופן בי"ת, און נאכדעם קומט דער ראשית. ראשית חכמה יראת ה', די תורה איז דאך חכמה, בחוכמתא ברא אלקים (תרגום ירושלמי), דער ראשית פון חכמה, דער אנהייב פון די תורה, האט די תורה געוויזען, אז דער אנהייב איז יראת ה'. יראת שמים דאס איז דער ראשית פון חכמה, ווייל דער ערשטער אות אין די תורה איז ב', און בית דאס איז דער יראת שמים. - ב"ה מען רעדט דא פון תלמידי חכמים וואס זיצן און לערנען, און זענען צוגעקומען דערצו, אז זיי קענען זיין מורי הוראה בישראל, דאס אליין ווייזט אויף די חשיבות פון זייער תורה, אז עס איז נישט געווען סתם געלערנט, עס איז געווען ערליכע תורה, און מיט ערליכע תורה שטייגט מען.

*

**מען קומט נישט אן צו וואקסן אין תורה, נאר ווען עס איז דא א זבולון וואס טוט צוהעלפען אז מען זאל קענען לערנען תורה. פונעם כולל אליין קען מען דאך נישט קיין סאך אויסקומען, אז מען זאל קענען זיצן און לערנען, עס איז נאר וואס מען העלפט צו. דער עיקר איז דאך וואס מען ווערט אויסגעהאלטן פון די עלטערן, די שווער, און די טאטע, וואס זיי טוען צוהעלפן אז די קינדער זאלן קענען לערנען. און אסאך מאל מיינט מען אז מען גיט אוועק די געלט אומזיסט, און מען זעהט נישט קיין פירות. עס קומט אבער א צייט, נאך א פאר יאר וואס די קינדער זענען געזעסן און געלערנט, און מען זעהט וואס עס איז אויסגעוואקסן פון די קינדער, הייבט מען אן צו דאנקן דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער האט מיר געגעבן דעם שכל, אז איך זאל אוועקגעבן פון מיין געלט פאר די קינדער, זיי זאלן קענען שטייגן און זיי זאלן אויסוואקסן, און צוקומען צו דעם וואס זיי זענען צוגעקומען.** - דאס איז איין חלק פון די סיוע וואס יונגעלייט האבן.

**צווייטענס**, הני נשי במאי קזכיין, נשים האבן נישט קיין מצוה פון תורה. וואס איז זייער זכות? דאס וואס זיי ווארטן אפ די מענער, און זיי לאזן די מענער זיצן אין בית המדרש און לערנען (ברכות יז.). **יעדע שטוב האט שוועריקייטן, אין יעדע שטוב דארף מען זיך אפגעבן מיט די קינדער וכדומה, און מען נעמט דעם גאנצן עול אויף זיך, און מען לאזט ארויס דעם מאן דערפון, ער זאל קענען זיצען אין בית המדרש און לערנען. דאס איז א געוואלדיגע זכות וואס זיי האבן. דעם חיזוק וואס מען זאגט אמאל פאר א מאן, א גוט ווארט אויף זיין לערנען, און וואס פאר א הנאה מען האט ווען ער שטייגט אין תורה, דאס גיט א געוואלדיגען שטופ. יעדער מענטש דארף דאך האבן חיזוק, און כל שכן ווען מען באקומט עס פון די אייגענע שטוב, איז עס אסאך און אסאך מער.** און די גמרא זאגט, אז זייער זכות איז גרעסער ווי דער זכות פון די מענער. ווייל א מאן וואס זיצט און לערנט תורה, האט דאך א תענוג אויף דערפון, ווען נישט וואלט ער דאך נישט געזעסן און געלערנט, שפירט ער דאך א תענוג פון דעם וואס ער טוט. אבער די פרוי זיצט אין שטוב, און זי פלאגט זיך מיט די קינדער, זי האט נישט דעם תענוג פון תורה, און פון דעסטוועגן דאך אפפערט זי, און זי גיט זיך אוועק פאר תורה, איז זייער זכות זייער גרויס.

**זעלבסט** פארשטענדליך אז עס קומט א געוואלדיגן הכרת הטוב פארן ראש הכולל, רבי שמחה (**הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א**), אונז ווייס מיר נישט ווי פארנומען ער איז, פון די גאנצע שטאט, פון די קהלה, און פון זיין אייגענע קהלה אין ניו דזשערזי, און פון דעסטוועגן דאך גיט ער נישט אויף די הרבצת התורה פונעם כולל, ער וויל צוהעלפן פאר די יונגעלייט זאלן שטייגן, און א חבורה וואס לערנט מיט יונגעלייט צוצוקומען צו הוראה. דער אייבערשטער זאל אים געבן ווייטער אויף ער זאל קענען מרביץ תורה זיין מתוך נחת און הרחבת הדעת. דער באשעפער זאל אונז אלע געבן, מיר זאלן קענען זיצן באהלה של תורה שטענדיג, שטייגן אין תורה און יראת שמים, אויסוואקסן תלמידי חכמים און יראי ה', און דינען דעם אייבערשטן מתוך שמחה וטוב לבב, און מיר אלע אינאיינעם זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר המעמד השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן מחותנו **הגה"צ רבי יצחק אייזיק טירנויער שליט"א** אב"ד שומרי שבת, עב"ג בת **הרה"ג רבי חיים טירנויער שליט"א**, שהתקיים באולם עטרת חי'.

*

## *יום רביעי פרשת ויצא*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר השיעור נסע **רבינו שליט"א** למאנסי לסידור קידושין אצל החתונה של בן הר"ר **אלי' שלמה קרעמער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **הערשל פריעדמאן** הי"ו, שהתקיים באולם ווילהאוויץ.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת פאללמאן שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **יששכר פאללמאן** הי"ו).

## *וזה תוכן השיחה:*

**א' האבלים:** דער טאטע (**הגה"צ מסאבאטהעלי זצ"ל**) איז געווען אונזער מסדר קידושין.

**רבינו:** אמאל האבן זיך משפחה זייער נאנט געהאלטן. די משפחה וואס איז געבליבן נאכן קריג, איז נישט געווען אזוי גרויס.

**א' האבלים:** איך האב יעצט געגעבן א נאמען נאך דעם זיידען רבי יונתן בנימין, די באבע חנה לאה איז געווען א טאכטער. ער איז געווען רב דארט אין טשענגער?

**רבינו:** ניין, ער איז געווען א בעל הבית.

**א' האבלים:** ער איז געווען א גרויסער עסקן דארט.

**רבינו:** ער איז געווען פון די חברה קדישא.

**א' האבלים:** שבת איז געווען די טשענגער'ער יארצייט (של **הגה"ק בעל מנוחת אשר מטשענגער זצ"ל**). עפעס א תשובה איז דא צו אים פונעם ייטב לב.

**רבינו: מיין טאטע ז"ל** פלעגט צו פארציילן א מעשה פונעם **ייטב לב** מיטן זיידען רבי יונתן בנימין, אז דער רבי יונתן בנימין איז געווען א גרויסער קנאי, ער האט זיך אנגענומען פאר אלע יודישע זאכן אין די שטאט. און ער האט זיך אמאל אפגערעדט פארן ייטב לב, אז ער ווייסט נישט צו ער זאל ווייטער מוחה זיין אויף זאכן וואס ער זעהט אז עס איז נישט גוט, מען הערט אים ממילא נישט אויס. האט דער ייטב לב געזאגט, אז ער זאל נישט אויפגעבן, ער זאל נישט אויפהערן ווייטער צו זאגען. דעמאלטס איז פוילן נישט געווען א מדינה פאר זיך, מען האט צושניטן פוילן אויף אסאך חלקים, רוסלאנד האט גענומען, און יעדער האט גענומען, פון אלע זייטן האט מען זיך צוטיילט. און די אנשי המלוכה פון פוילן פלעגן זיך צוזאמקומען איינמאל אין יאר, מען האט געמאכט א גרויסע אסיפה, און די רעזאלאציע איז געווען, אז ווארשא איז אונזערס, און דאנציג איז אונזערס, כאטש די אלע האבן נישט געהאט גארנישט. און מען האט געלאכט פון זיי, וואס איז טייטש אז עס איז אונזערס, עס איז באזעצט געווארן פון אנדערע פעלקער. האט דער ייטב לב געזאגט, דו ווערסט זעהן, אז זיי וועלן אזוי לאנג שרייען, ביז זיי וועלן עס צוריקבאקומען. יעצט קענען זיי גארנישט טון, עס איז באזעצט, אבער ווען עס וועט זיך מאכן עפעס א רודעריי אין די וועלט, וועלן זיי עס צוריקבאקומען. האט ער אים געזאגט, דו דארפסט שרייען, אפילו עס העלפט נישט יעצט, אבער אמאל וועלן דערהערט ווערן די ווערטער.

**א' האבלים:** עס איז דא א חז"ל (יבמות סה:, ירושלמי תרומות ה-ג) כשם שמצוה לומר דבר הנשמע, כך מצוה שלא לומר דבר שאינו נשמע.

**רבינו:** אין די משנה (אבות ב-ד) שטייט, אל תאמר דבר שאי אפשר לשמוע, שסופו להשמע (עיין בספר **ויגד משה** על פרקי אבות דף קצב).

**א' האבלים:** דער טאטע ז"ל (**הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**) האט מיר געגעבן א של"ה הק' צו די בר מצוה, און ער האט מיר אריינגעשריבן, אז ער גיט עס על תנאי, אז איך זאל אים צוזאגען, אז איך וועל נישט הערן שלמה קארלבאך'ס ניגונים.

איינער האט דא געזאגט, אז מען זאגט אז די עלטערע מענטשען העכער די זעכציג יאר דארפן אכטונג געבן אז זיי זאלן נישט באקומען די קאראנע, אונטער זעכציג דארף מען נישט אכטונג געבן. האט איינער געזאגט, אז אין די ברכה פון מודים אנחנו לך, איז דא ניין און פופציג ווערטער, אז מען דארף דאנקען דעם אייבערשטען אויף די ניין און פופציג יאר אויך, און נישט נאר אויף די זעכציג.

**רבינו:** בן ששים לזקנה (אבות ה-כא). מען דארף דאנקען פאר די זקנה אויך.

**א' האבלים:** פונעם **בעלזער רב** זאגט מען נאך, אז די קאפיטל פון הודו (תהלים קז) ענדיגט זיך, מי חכם וישמר אלה ויתבוננו חסדי ה'. איינער וואס האט שכל ברענגט דעם קרבן תודה פאר ער ווערט מחוייב עס צו ברענגען. ער דארף שוין זיין א מודים, פאר ער באקומט עס.

עס שטייט אין **דעת זקנים מבעלי תוספות** (פ' עקב) אז ווען איינער זאגט די ברכה פון מודים אנחנו לך מיט כוונה, דארף ער נישט זאגען קיין מאה ברכות ('מודים' בגימטריא כמנין מאה ע"ש).

**רבינו:** די וועלט זאגט, אז עס איז אמאל געקומען א יוד אין שול אריין, און ער האט געברענגט תיקון. האט מען אים געפרעגט, וואס איז דער תיקון? האט ער געזאגט, אז ער איז נעכטען אדורכגעגאנגען די גאס, און א קאר איז געקומען און ער האט אים אראפגעקלאפט, און ער האט זיך אויפגעהויבן, און עס האט גארנישט פאסירט, ברענגט ער תיקון. דעם אנדערן טאג איז געקומען א צווייטער יוד, און ער האט אויך געברענגט תיקון. האט מען אים געפרעגט, וואס איז דער תיקון? דו האסט יארצייט? זאגט ער, ניין. וואס איז דער תיקון? זאגט ער, איך גיי שוין צוואנציג יאר אדורך יעדן טאג אויף די גאס, און עס האט מיר קיינמאל נישט פאסירט א עקסידענט, דארף איך אויך געבן תיקון... – מען גיט נאר דעם תיקון, ווען מען האט געהאט א עקסידענט.

**א' האבלים:** די וועלט דערציילט אזא מעשה, אז איינער האט אמאל איינגעריסען ביים דאוונען מיט בכיות נוראות, איז געווען דארט א יוד און ער האט געזאגט, איך מוז ווארטען ביז דער יוד ענדיגט דאוונען, איך מוז זעהן צו העלפן דעם יוד. ער גייט צו צום יוד, און ער זאגט אים, איך זעה אז איר האט אזוי איינגעריסען און געוויינט, וואס קען איך אייך העלפן. זאגט ער אים, דו מיינסט אז מען דארף אייביג וויינען ווען מען דארף עפעס, מען דארף אמאל אויך אפגעבן א שבח והודאה מיט בכיות.

**רבינו:** אזוי דארף זיין, דאנקן און בעטן.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן **הרב אהרן מרדכי יצחק בעק שליט"א** (בן הרב ברוך בעק שליט"א, מרביץ תורה במוסדותינו הק' בב"פ), עב"ג בת **הרה"ג רבי יואל ראזנער שליט"א** (בן מחותנו הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א), שהתקיים באולם אימפיריעל.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **ישראל איצקאוויטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **חיים אלעזר פערלשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

### *יום חמישי פרשת ויצא*

אחר תפלת שחרית בבית המדרש סאמבאטהעלי, השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **מאיר גרין** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סלאנים. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, והשתתף אצל השבע ברכות שנערכה לכבוד נישואי בת המנהל **הרה"ג רבי אלימלך שפיטצער שליט"א**, ונשא מדברותיו.

### *וזה תוכן הדברי תורה:*

**איך** וויל ווינטשן א ברכת מזל טוב פאר אונזער חשוב'ען מנהל, מען האט פריער געהערט וויפיל כוחות ער לייגט אריין אין די ישיבה. און ב"ה מען זעהט שיינע פירות פון די בחורים. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער, גבור בארץ יהיה זרעו, דור ישרים יבורך, זעהן אסאך יודיש נחת ביי דעם זיווג, און ביי די אנדערע קינדער.

**איך** וועל זיך באציען אויף די ווערטער וואס מען האט פריער געהערט. רש"י (בראשית כח-ט) זאגט, אז ווען יעקב אבינו איז אוועקגעגאנגען צו לבן, איז ער נישט געגאנגען תיכף. קודם האט ער געלערנט פערצן יאר אין בית המדרש ביי עבר, און נאכדעם איז ער געגאנגען צו לבן אין שטוב. און אלע פרעגן די קשיא, ער איז דאך געזעסן און געלערנט ביז יעצט אויך, וואס איז די פערצן יאר וואס ער האט יעצט צוגעגעבן ווען ער איז אוועקגעגאנגען. ער איז נישט געווען קיין יונגער בחור, ער איז געווען דריי און זעכציג יאר אלט, און ער איז געזעסן נאך פערצן יאר אין בית המדרש, דאס מיינט ביז די זיבן און זיבעציג יאר האט ער געלערנט, און נאכדעם איז ער געגאנגען חתונה האבן, און אויפשטעלן דעם כלל ישראל.

**די** מפרשים זאגן, ביז יעצט איז ער געווען אונטערן טאטענס שויס, ער איז געווען אין באר שבע, ער האט געלערנט פון צופרי ביז ביינאכט. וישכב במקום ההוא (רש"י כח-יא), ער איז נישט געשלאפן, נאר געדרימלט, און אזוי האט ער געלערנט. ער האט קיינמאל נישט געטראכט אז עס וועט קומען א צייט וואס ער וועט מוזן איבערלאזן דעם בית המדרש, און אוועק גיין פון זיין טאטענס שטוב. גיין פון ארץ ישראל אויף חוץ לארץ, גיין צו א לבן אין שטוב, וואס ער איז דאך דער מקור הטומאה, לבן בקש לעקור את הכל. און דארט וועט ער דארפן ווערן אן

ארבייטער זיבן יאר מיט די שעף, ווי דער פסוק רעכענט אויס די וואך אין די פרשה. ער האט קיינמאל נישט גע'חלומ'ט אזא עתיד וואס ער וועט דארפן שפעטער אדורכגיין.

**און** עס באפאלט אים פון איין מינוט אויף די אנדערע מינוט. די עלטערן קומען, און זיי זאגען אים אז מען דארף אוועקגיין פון דא, דו דארפסט אנטלויפן, עשו וויל דיך הרג'נען, דו דארפסט גיין צו לבן, וקח לך אשה משם, דו זאלסט חתונה האבן דארטן, דו זאלסט אויפשטעלן א שטוב דארטן. ער איז נישט געווען צוגערישט דערצו, זיין השקפה אין לעבן איז נישט געווען, אז דאס גייט געשעהן מיט אים. ער האט ביז יעצט געלערענט ווי אזוי מען קען זיין אן ערליכער איד, און זיין דבוק אין די תורה, בשעת מען געפונט זיך מיט א יצחק און א רבקה צוזאמען. אבער ווי אזוי מען דארף דינען דעם אייבערשטען ווען מען קומט אריין צו א לבן אין שטוב, דאס האט ער נאך נישט געהאט געלערנט. און אויף דעם האט ער געדארפט האבן פערצן יאר, זיך צוצוגרייטן צו די עבודה וואס ער דארף האבן יעצט ביי לבן אין שטוב.

**און** עס מסביר זיין אין בעל בתיש'קייט. ווען מען האט חתונה, הייבט זיך דאך אן א אנדערע סארט לעבן פון וואס עס איז געווען ביז יעצט. ווילאנג מען איז אין בית המדרש און מען לערנט, ווייסט מען נישט ווי גליקלעך מען איז. מען האט נישט קיין שום עול פון פרנסה, מען האט נישט קיין שום עול פון א בני בית, מען קען זיצן און דינען דעם אייבערשטען, פון ווען מען שטייט אויף, ביז מען לייגט זיך שלאפן, קען מען אויסנוצן די צייט פאר תורה און עבודת ה'.

**ווען** מען האט חתונה, האט מען שוין א שטוב. מען דארף זיך אויסלערנען ווי אזוי מען דארף רעדן צו א בני בית, ווי אזוי מען גייט ערציען קינדער. מען זאגט נאך פונעם **סטייפלער זצ"ל**, אז מען האט אים אמאל געפרעגט וועגן א שידוך, אויף וואס מען דארף זיך נאכפרעגן. האט ער געזאגט, מען דארף זיך נאכפרעגן צו ער קען רעדן צו א מענטש, צו ער קען זיך אדורכקומען מיט א צווייטן. האט מען אים געזאגט, אז אין ישיבה הייסט ער א וואוילער בחור. זאגט ער, עס איז נישט גענוג. אין ישיבה האט ער צו טון מיט זיין שטענדער, און אויסצוקומען מיט א שטענדער איז זייער גרינג. דער שטענדער האט אים קיינמאל נישט באליידיגט, דער שטענדער האט זיך קיינמאל נישט געקריגט מיט אים. דורך דעם וואס ער זיצט אין בית המדרש און ער לערנט מיטן שטענדער, ווייסט מען נאך נישט וואס ער איז. ווען ער גייט חתונה האבן, און ער דארף רעדן מיט א צווייטן מענטש, און אין פרצופותיהן שוות, אין דיעותיהן שוות, און מען זאל זיך אדורכקומען, דאס איז אן עקסטערע עבודה וואס מען דארף האבן.

**יעקב** גייט ארויס צו לבן אין שטוב חתונה האבן, אויפשטעלן א שטוב, אויסקומען מיט א בני בית, נישט מיט איינס, נאר מיט די פיר אמהות וואס ער האט געהאט, און קענען פירן א שטוב, האט ער זיך געדארפט צוגרייטן דערצו. מען קען נישט אריינשפרינגען פון די גמרא, און ווערן א ארבייטער ביי לבן אינדערהיים, אן דעם וואס עס איז נישט געווען די הכנה דערצו. האט זיך יעקב צוגרייט די פערצן יאר, ער זאל קענען אריינגיין צו לבן אין שטוב.

*

**מען** געפונט ביי דער שידוך פון יצחק מיט רבקה, אז אברהם האט געשיקט אליעזר, אז ער זאל אים גיין אויספירן דעם שידוך. און אליעזר פרעגט אברהם, וואס וועט זיין טאמער זי וועט נישט וועלן קומען אהער דא, ההשב אשיב את בנך אל הארץ אשר יצאת משם (בראשית כד-ה), צו קען איך זאגן אז דער שידוך וועט זיין, ער וועט גיין צום שווער אין שטוב. ויאמר אליו אברהם, השמר לך פן תשיב את בני שמה, דאס איז נישט קיין רעדע, נעמען מיין יצחק און אוועקשיקן אהין. ה' אלקי השמים אשר לקחני מבית אבי און אזוי ווייטער, הוא ישלח מלאכו לפניך ולקחת אשה לבני. ער האט אים געזאגט, יצחק איז א עולה תמימה, אן עולה איז קודש, איך קען אים נישט אוועקשיקן פון דא.

**מען** געפונט פאר דעם, אז אברהם האט אים אנגעזאגט, ואשביעך בה' אלקי השמים ואלקי הארץ, אשר לא תקח אשה לבני, מבנות הכנעני אשר אנכי יושב בקרבו. דו זאלסט נישט נעמען פאר אים פון די בנות הכנעני, אשר אנכי יושב בקרבו, וואס איך וואוין צווישן זיי. וואס דארף ער זאגן 'אשר אנכי יושב בקרבו', מען האט נישט געוואוסט וואו ער וואוינט? ער איז געווען אין כנען.

**איך** האב געזעהן שטיין אמאל אין **חתם סופר**, איך האב עס נישט געטראפן דא אויפן פלאץ. דער חתם סופר זאגט, אברהם האט געזאגט פאר אליעזר, איך דארף דא אריינּנעמען א שנור אין שטוב אריין, און פון די היימישע דא האב איך נישט, און איך דארף דאך נעמען איינעם וואס זאל קענען אויפשטעלן כלל ישראל. יצחק איז א עולה תמימה, ער זאל קענען מיט איר חתונה האבן, און זיי זאלן זיך פארשטיין איינער דעם צווייטן, און וויסן וואס דער תכלית פונעם לעבן איז. ווען איך וועל נעמען א כלה פון דער פרעמד, און איך וועל איר אפשיידן פון איר שטוב, און איך וועל איר אריינברענגען צו מיר אין שטוב, אפילו זי איז געווען א עובדת עבודה זרה ביז יעצט, אבער ווען זי וועט וואוינען ביי מיר אינדערהיים, ביי אברהם אין שטוב, מיט יצחק, וועט זי ווערן אן ערליכע יודענע. זי וועט זעהן דעם שיינעם וועג פון תורה, און זי וועט זיך בענקען אויפצושטעלן אזא שטוב ווי אברהם אבינו האט אויפגעשטעלט. דאס איז אלץ ווען איך נעם איר אוועק פון די עלטערן'ס שטוב, און איך ברענג איר צו מיר אין שטוב, זי וועט זיך אפרייסן פון דעם וואס זי האט געזעהן ביי די עלטערן, וועט זי קענען אויפשטעלן א שטוב וואס עס פאסט פאר יצחק. אויב אבער איך גיי נעמען פאר אים א כלה פון די שטאט. זי וועט טאקע אריינקומען צו מיר אין שטוב, אבער אביסל וועט זי זיין ביי מיר אין שטוב, און אביסל וועט זי אהיימגיין. אביסל וועט זי זעהן וואס עס טוט זיך ביי מיר, און אביסל וועט זי זעהן וואס עס טוט זיך ביי די גוים וכדומה, דאס וועט זיך נישט צוזאמהאלטן. כדי איך זאל קענען נעמען א אשה פאר יצחק, וואס זאל זיך קענען אפרייסן פון וואס זי איז געווען, מוז זי איבערלאזן אלעס וואס איז געווען פאר דעם.

**אשר** לא תקח אשה לבני מבנות הכנעני, דו זאלסט נישט נעמען א אשה פון די בנות הכנעני, אשר אנכי יושב בקרבו, פון די וואס איך וואוין צוזאמען מיט זיי. ווייל פון די וואס וואוינען דא, קען מען נישט אויפשטעלן א שטוב פאר יצחק. זיי וועלן טאקע אריינקומען צו מיר אין שטוב, זיי וועלן זעהן א שטוב פון אברהם, אבער וואס וועלן זיי זעהן א טאג שפעטער. איין טאג וועט מען עסן ביים שווער, און איין טאג וועט מען עסן ביי די עלטערן, עס וועט זיך נישט אויסארבעטן. גיי אוועק אין אן אנדערע לאנד, און ברענג מיר פון דארטן א אשה, זי וועט אוועקגיין פון א פלאץ פון עובדי עבודה זרה, פון בתואל אין שטוב, זי וועט אריינקומען צו יצחק אין שטוב, וועלן זיי קענען אויפשטעלן א ערליכע יודישע שטוב. דאס האט ער געמיינט מדייק צו זיין אין דעם אשר אנכי יושב בקרבו.

**און** אליעזר גייט און פרעגט נאכדעם, טאמער זי וועט נישט וועלן קומען, ההשב אשיב את בנך אל הארץ אשר יצאת משם, זאל איך נעמען דיין זון און איך זאל אים שיקן צו בתואל? זאגט אים אברהם, איך זאג דיר אז אפילו פון דא זאלסטו נישט נעמען, פארוואס, כדי איך זאל איר קענען ארויסנעמען פון איר שטוב, אז זי זאל קענען זיין פאסיג פאר יצחק. פרעגסטו מיך, אז זי זאל בלייבן ביי זיך אינדערהיים ביי די עובדי עבודה זרה, און איך זאל נאך נעמען יצחק און אהין שיקן. השמר לך פן תשוב את בני שמה, דו זאלסט זיך אפהיטן פון אזוי צו טראכטן.

**אז** מען וויל אויפשטעלן א יודישע שטוב, דארף זיין ערליכקייט. עס דארף זיין, אז מען זאל קומען פון א ערליכע שטוב, און אריינקומען אין א ערליכע שטוב. מען קען נישט טאנצן אויף צווויי חתונות, זיין אין א בית עובד עבודה זרה, און אריינקומען צו יצחק אין שטוב אויך. און אזוי איז טאקע געווען, רבקה האט איבערגעלאזט די שטוב פון בתואל, איבערגעלאזט אלעס, און אזוי האבן יצחק מיט רבקה חתונה געהאט. דאס איז געווען יצחק'ס שידוך.

**יעקב'ס** שידוך איז פון גאר אן אנדערע וועלט. יעקב, נישט נאר ער קען נישט אריינברענגען זיין ווייב צו יצחק אין שטוב, נאר ער מוז נאך אריינגיין און וואוינען צו א לבן אין שטוב. דאס האט ער זיך נישט געקענט צוגרייטן פון דעם וואס ער האט געלערנט ביז יעצט זעכציג יאר אין בית המדרש פון שם ועבר. ער איז נאכנישט גרייט געווען ער זאל קענען וואוינען ביי לבן אין שטוב, און ער זאל קענען איבערדרייען, רחל, לאה, בלהה, זלפה, אלע זאלן ווערן ערליך אזוי ווי אים. זיי זאלן זיצן ביי לבן אין שטוב, און זיך נישט אפלערנען פון לבן'ן, און ער אליין זאל זיך נישט אפלערנען פון לבן ווי אזוי ער פירט זיך, האט ער געדארפט אויף דעם אן עקסטערן כח התורה, איז ער פערצן יאר געזעסן און געלערנט. קודם גיי איך אריין אין בית המדרש

לערנען, דאס האב איך זיך נאכנישט אויסגעלערנט ביז יעצט, און אויף דעם דארף איך האבן פרישע פערצן יאר זיך אויסצולערנען, כדי איך זאל קענען אוועקגיין צו א שטוב פון לבן.

**עס** שטייט אין **משך חכמה** (בפרשתנו), אז שפעטער נאך די צוואנציג יאר, ווען ער האט איבערגעלאזט לבן, און לבן איז אים נאכגעלאפן, און צום סוף האבן זיי זיך געזעגענט איינער פונעם צווייטן. זאגט די תורה (לב-א), וישכם לבן בבוקר וינשק לבניו ולבנותיו ויברך אתהם, וילך וישב לבן למקומו, לבן איז צוריקגעגאנגען צו זיין פלאץ, ויעקב הלך לדרכו, און יעקב איז געגאנגען אויף זיין וועג. פארוואס דארף די תורה זאגן, אז ער איז געגאנגען דא, און ער איז געגאנגען דארט. מען זעהט דאך אין די פרשה, אז יעדער איז זיך געגאנגען זיין וועג. זאגט ער, ווילאנג יעקב איז געווען ביי לבן אין שטוב, איז עס געווען ווי א איידעם מיט א שווער. דער איידעם איז א צדיק, א יעקב אבינו, א מובחר שבאבות, און דער שווער איז א לבן, פון די שורש הטומאה, און די צוויי האבן געדארפט זיין צוזאמען. און עס איז געווען געוויסע זאכן וואס יעקב האט זיך נישט געקענט פירן מיט זיין קדושה און זיין טהרה, אזוי ווי ער איז געווען פון פאר דעם. מען זיצט דאך מיט א שווער צוזאמען, מען מוז דאך עפעס האבן מיט אים, ער מוז דאך רעדן א ווארט צו אים, און לבן איז א לבן. האט יעקב געמוזט אביסעלע אפנייגן פון זיינע מעלות און מדרגות, זיך צוצופאסן צו די שטוב.

**די** זעלבע איז געווען מיט לבן. לבן איז געווען א לבן הארמי, אבער ווען מען האט אין שטוב אזא ערליכען איידעם ווי יעקב אבינו, האט ער נישט געקענט ארויסווייזן זיין גאנצע רשעות, און ער האט זיך געדארפט פירן עפעס איידל, עס איז דאך דא א יעקב אבינו אין שטוב. א שווער וואס פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, אבער ווען דער איידעם קומט אריין אין שטוב, שטעלט ער זיך צו אביסל, ער קען נישט זיין אקעגן דעם איידעם אזוי ווי ער איז אן אנדערס מאל אין שטוב. קומט אויס, אז ביידע האבן זיך געמוזט בייגן דא. יעקב האט זיך עפעס געבויגן פאר לבן, און לבן האט זיך עפעס געבויגן פאר יעקב. יעצט ווען ער געזעגענט זיך פון יעקב, וישב לבן למקומו, גייט לבן ווערן דער זעלבער פאפער ווי ער איז געווען פאר דעם, ער האט זיך שוין מער נישט פון וועם צו באהאלטן. און יעקב הלך לדרכו, יעקב קען אויך גיין אויף זיין וועג, יעצט איז געווארן די צייט וואס זיי האבן זיך געקענט צוטיילן איינער פונעם צווייטן.

**דאס** איז די חשיבות ביי א יודישן שידוך. מען דארף זיצן אין בית המדרש און לערנען. עס איז נישט גענוג וואס מען לערנט אין די צייטן וואס מען איז דא אין ישיבה, אז ווען מען געפונט זיך אין א ערליכע הייליגע סביבה זאל מען זיך אויפפירן ווי עס דארף צו זיין, עס איז א דבר פשוט. ביי אברהם אין שטוב, האט יצחק נישט געהאט דעם נסיון אפילו. די עבודה פון א יוד איז אזוי ווי יעקב, זיך אנצוזאפן פערצן יאר תורה, אז מען זאל קענען נאכדעם ארויסגיין. ווען מען וועט דארפן ארויסגיין צו פארשאפן פרנסה, מען וועט זיך דארפן דרייען צווישן גוים, מען וועט דארפן זיין צווישן א לבן, מען וועט דארפן פירן א שטוב און זיך קענען אויסקומען מיט די בני בית צוזאמען, דאס איז זאכן וואס מען דארף זיך לערנען ווילאנג מען איז נאך אין די ישיבה, כדי זיך צוצוגרייטן אויף שפעטער. יעקב האט פערצן יאר אוועקגעגעבן אויף דעם, זיך צוצוגרייטן ווי אזוי ער גייט חתונה האבן. - מיר האבן נישט אזויפיל יארן מיר זאלן זיך קענען צוגרייטן פערצן יאר דערצו, אבער על כל פנים נאך די חתונה האט מען פערצן יאר צו זיצן אין כולל, מען זאל זיך דעמאלטס אויסלערנען ווי אזוי מען דארף זיך באגיין אין שטוב. און וואס מען האט נישט געלערנט פריער, לערנט מען זיך שפעטער אויף די אייגענע לעבן, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

**עס** איז נישט דא גענוג ווערטער צו באדאנקען פאר אונזער חשובן מנהל וואס פארא כוחות ער לייגט אריין אין די ישיבה. דער באשעפער באצאלט עס שפעטער ביי די בני בית. עס קומט זיך צוזאם אזא שיינער שידוך, ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל, זאל דער אייבערשטער געבן, זיי זאלן קענען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל. און אונז אלע זאל מיר זעהן שמחות און נחת ביי אונזערע קינדער. און בקרוב ביי יעדן איינעם אליינס, עס איז דא צייטן, בן שמונה עשרה לחופה, און ווען עס קומט אן די ריכטיגע מינוט, דארף מען מתפלל זיין און בעטן. יעקב אבינו האט מתקן געווען תפילת ערבית, א גאנצע תפלה האט ער מתקן געווען ווען

ער גייט זוכן א שידוך, ווייל ער האט געדארפט אנקומען דערצו. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען הערן גוטע בשורות ביי אונז אלע, מתוך שמחה וטוב לבב, וכמשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה, והתפלל שם תפלת מנחה, ומסר שיעור השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב שימש **רבינו שליט"א** בסידור קידושין אצל בת הר"ר **שמואל זאנוויל מארקאוויטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יעקב גבריאל טונק** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של החתן **ליפא** נ"ו, בן הר"ר **ישעי' בראנער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **צבי יעקב קויפמאן** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חינקא.

*

***<u>שבת קודש פרשת ויצא</u>***

**רבינו שליט"א** שבת בקרב אנשי שלומינו בעיר בארא פארק. תפלת מנחה וקבלת שבת התפלל **רבינו שליט"א** בבית מדרשנו זכרון יהודא. **רבינו שליט"א** עבר לפני התיבה לתפלת מנחה.

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** הבאטע בבית מדרשנו זכרון יהודא. בין הזמירות והניגונים השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד הרה"ג רבי **דוד דוב האגער** שליט"א (בן כ"ק האדמו"ר מוויזניץ מאנסי שליט"א).

ביום שבת קודש התפלל **רבינו שליט"א** בהיכל בית מדרשנו הגדול. - אחר התפלה הלך **רבינו שליט"א** לביקור אצל אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** ושוחחו ביניהם בענין מה שמצינו אצל כמה צדיקים שהתפללו בשעה מאוחרת והמסתעף.

תפלת מנחה וסעודה שלישית נערך בבית מדרשנו ברכת אברהם. **רבינו שליט"א** השמיע דברי דרוש ואגדה לבאר מעשה אבות בעניני הפרשה. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את הרה"ג רבי **יצחק זלמן גיפס** שליט"א דומ"ץ הבית המדרש.

סדר הבדלה נערך בבית האכסניא אצל ידידינו הרבני הנגיד רבי **יצחק שרגא גראס** הי"ו בעמח"ס **'חיים שיש בהם'**. אחר הבדלה התקיים מסיבת לחיים לרגל אירוסי נכדתו בת הר"ר **מרדכי צבי גראס** הי"ו.

במוצאי שבת חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **חיים מענדל קיש** הי"ו, שהתקיים באולם רויאל מענאר.

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות שנערכה על ידי המוסדות בוומסב"ג, בבית הר"ר **יעקב משה פריעדמאן** הי"ו, לרגל שמחת נישואי בת הר"ר **ישראל איצקאוויטש** הי"ו, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**די** וואך אין די פרשה איז די פרשה פון שידוכים, די עלטערן האבן אוועק געשיקט יעקב אבינו צו חרן, צו טון א שידוך ביי לבן אין שטוב. און אויפן וועג ווען ער איז געגאנגען, האט אים דער אייבערשטער געוויזען א מראה נבואה, והנה סולם מוצב ארצה, וראשו מגיע השמימה, והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו (כח-יב), מלאכים גייען ארויף און אראפ. רש"י שטעלט זיך, אז מלאכים זענען דאך אין הימל, און ווען זיי קומען פון אויבן, זענען זיי דאך יורדים. נאכדעם ווען זיי ענדיגן דא, גייען זיי ארויף, פארוואס שטייט אין פסוק, והנה מלאכי אלקים עולים, זענען ארויפגעגאנגען, ויורדים, און זענען אראפגעקומען.

**עס** קען זיין, עס איז דא א ווארט פונעם הייליגן **אלשי"ך**, משה רבינו זאגט (דברים י-יד), הן לה' אלקיך השמים ושמי השמים, הארץ וכל אשר בה, דער אייבערשטער האט הימל, און העכערע הימלען, און די וועלט. פרעגט דער אלשי"ך, געוועונליך ווען מען רעכנט אויס פארשידענע זאכן, אדער הייבט מען אן פון די קלענסטע, און מען גייט אלץ גרעסער און גרעסער, מעלין בקודש (ברכות כח.). אדער הייבט מען אן פון די העכסטע, און מען גייט אראפ. דער פסוק איז לכאורה שלא כסדרן, הן לה' אלקיך השמים, ושמי השמים, דאס איז טייטש ער הייבט אן ארויפצוגיין העכער, און נאכדעם קומט ער אראפ

אונטען צו דעם ארץ. ווען מיר זאגן, אז ער הייבט אן פון די קלענערע מדריגה און ער גייט ארויף, וואלט ער געדארפט זאגען הארץ, השמים, ושמי שמים. וואס איז שמים, שמי השמים, און הארץ וכל אשר בה?

**זאגט** דער אלשי"ך הק', אמת אז די הימלען זענען זייער חשוב. דער אייבערשטער רוהט אין הימל, די מלאכים זענען אין הימל, אבער 'די' וועלט איז חשוב'ער ווי יענע וועלט. אין דעם אייבערשטן'ס אויגן, איז דער ארץ, די מענטשן וואס זענען אויף די וועלט, און זיי האבן א יצר הרע, און זיי האבן פראבלעמען פונעם גשמיות'דיגן לעבן, און פון דעסטוועגן דאך פירט מען זיך ערליך, און מען שטעלט אויף שיינע שטובער, מען איז זיך מתגבר אויף אלע שוועריקייטן וואס מען האט, ביי דעם אייבערשטן איז די וועלט די חשוב'סטע וועלט וואס ער האט, מער ווי שמים ושמי השמים. זיי האבן דאך נישט קיין יצר הרע, כלום יצר הרע יש ביניכם, קנאה יש ביניכם (שבת פח:), עס איז דאך נישט דא גארנישט ביי זיי. א חידוש אז זיי זענען פותחים את פיהם בקדושה ובטהרה ומברכין ומשבחין. א יוד געפונט זיך אויף די וועלט, אריינגעטון אין עולם הזה, און פון דעסטוועגן דאך נוצט ער אלעס אויס אויף מקדש זיין דעם אייבערשטן'ס נאמען, דאס איז די חשוב'סטע פון אלעם. און דער פסוק גייט כסדרן, הן לה' אלקיך השמים, העכער פון דעם איז שמי השמים, העכער פון דעם איז הארץ וכל אשר בה, די ארץ איז די העכסטע מדריגה. אזוי שטייט אין אלשיך הק'.

**א** עליה מיינט נישט אייביג אז מען גייט ארויף אין דערהייך, און ירידה איז טייטש מען קומט אראפ. די גמרא (זבחים נד:) זאגט, ארץ ישראל איז גבוה מכל הארצות, ווייל עס שטייט וקמת ועלית (דברים יז-ח). ארץ ישראל איז נישט די העכסטע פון פלאץ פון די גאנצע וועלט, עס איז נישט די שפיץ פון די וועלט, עס איז דא העכער פון ארץ ישראל, אז ווען מען גייט פון דארט אויף ארץ ישראל איז עס א ירידה, מען גייט אראפ צו ארץ ישראל. און די תורה שרייבט, וקמת ועלית, ארץ ישראל איז גבוה מכל הארצות. ווייל דער פשט איז נישט, אז עס איז גבוה מכל הארצות, אין גשמיות ליגט עס אויפן העכסטן פלאץ פון די וועלט. גבוה מכל הארצות איז דער טייטש, אין דעם תוכן, אין דעם איכות פון די גאנצע וועלט, איז ארץ ישראל גבוה מכל הארצות. ווען דער מענטש גייט פון חוץ לארץ ארויף אויף ארץ ישראל, נישט קיין חילוק פון וואו דו קומסט, צו דו קומסט פון אונטען, צו דו קומסט פון אויבן, דאס איז ועלית, דו ביסט ארויפגעגאנגען מיט א עליה, ווייל דאס איז די העכסטע מקום אין רוחניות אין דעם איכות.

**אז** מען זאגט יעצט, אז נאך שמים ושמי שמים קומט דער ארץ, קומט אויס, ווען מלאכים קומען אראפ פון שמים ושמי שמים צום ארץ, זענען זיי נישט קיין יורדים. דער וועג אויף אראפ, דאס איז עולים, ער הייבט אן פון שמי שמים, און ער קומט אראפ ביז צום דעם ארץ, עס איז אלץ העכער און העכער, איז עולים תחלה. די מלאכים האבן געוואלט ווייזן פאר יעקב אבינו, די חשיבות פון די וועלט, אז דאס איז די חשוב'סטע פון אלעם, רופט אן די תורה אז ווען מלאכים קומען אראפ אהער, זענען זיי נישט קיין יורדים, נאר זיי זענען עולים. ווען מען דארף איבערלאזן די וועלט, און מען גייט צוריק ארויף, דאס איז נישט קיין עולים, דאס איז יורדים. איבערלאזן א וועלט וואס מען קען דינען דעם אייבערשטען, און ארויפגיין אין א וועלט וואס איז נישט דא. במתים חפשי (תהלים פח-ו), כיון שמת נעשה חפשי מן התורה ומן המצוות (שבת ל.), דאס איז א ירידה. והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים, ווען זיי זענען אראפגעקומען, זענען זיי געווען עולים, און מען גייט ארויף, זענען זענען זיי יורדים.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז יעקב אבינו האט געזאגט, ביז יעצט האב איך געמיינט אז דער בית המדרש איז די הייליגסטע פלאץ, איך בין געזעסן אזויפיל יארן אין בית המדרש פון שם ועבר, און יעצט נאך פערצן יאר. און נאכדעם זעהט ער, אז מיט שלאפן קען מען אויך זעהן מראה נבואות. זאגט יעקב, אכן יש ה' במקום הזה? דא ביים שלאפן איז אויך דא ה'? איך האב געמיינט אז נאר אין בית המדרש איז דא ה', ואנכי לא ידעתי, דאס האב איך נישט געוואוסט, אז אין ארציות קען מען אויך דינען דעם אייבערשטען. און דאס האט אים דער אייבערשטער געוויזן, עס קען זיין א סולם וואס איז מוצב ארצה, מען ליגט אין גשמיות, אבער 'וראשו', דער קאפ, איז 'מגיע השמימה', מען פירט זיך ערליך, און יעדע זאך פרובירט מען מקדש זיין לשם שמים,

איז עס חשוב׳ער פון אלעם. ׳והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו׳, אין דעם ארץ מיטן שמים, זענען מלאכים עולים, ווען זיי קומען אראפ, זענען זיי עולים, און ווען זיי גייען ארויף, זענען זיי יורדים.

**מען** האט חתונה, מען גייט ארויס פון בית המדרש, אין א געוויסע נקודה, ווילאנג מען איז א בחור, מען זיצט אין בית המדרש, מען האט נישט צוטון מיט קיין עולם הזה, מען קען דינען דעם אייבערשטען מיט תורה און עבודה פיר און צוואנציג שעה. ווען מען האט חתונה, דארף מען טאקע האבן א רחיים על צווארו, אבער דאס איז דער ארץ, דאס איז די חשיבות פון ארץ, א יוד זאל מקדש זיין אלע עניני גשמיים פארן אייבערשטען.

**מען** זיצט ביי אזא חשוב׳ע סעודת שבע ברכות, דער חתן איז געזעסן און געלערנט פלייסיג, און דער אייבערשטער האט אים געהאלפן, אז ער קומט אריין אין אזא חשוב׳ע שטוב פון ישראלי זאל זיין געזונט. דער מקום אליין, אז דער מוסד מאכט פאר אים א מסיבה, ווייזט שוין אליין וואס פאר א עסקן ער איז. און באמת, ישראלי, דו ביסט מחייב מיך מיט אנדערע. די עסקנות וואס דו טוסט פאר יודישע קינדער, איז אין לשער! נישט ווען מען האט צייט ביינאכט א שעה, טוט מען פאר א צווייטן איד, נאר פרייטאג נאכמיטאג, און ערב יום טוב נאכמיטאג, און ערב יום הקדוש נאכמיטאג, צו ערב ראש השנה נאכמיטאג, זיצט מען אין די שפיטעלער, און מען העלפט ארויס חולי ישראל. א יוד דארף חתונה מאכן ביי אונז, מען זאל רעדן צו ישראלי, און עס איז פערטיג. דער באשעפער זאל דיר באצאלן כהנה וכהנה, זעהן אסאך יודיש נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער, מתוך שמחה וטוב לבב. און מיר אלע זאלן זעהן שמחות ביי אונז, און אין אלע יודישע שטובער. מען זאל זוכה זיין כמשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.